# דער בריוו פון דעם שליח פּוילוס צו די עפּעזער

1 פּוילוס, אַ שליח פונם משיח ישוע דורך ג־טס
רצון צו די קדושים, וואָס געפינען זיך אין
עפּעזוס און צו די מאמינים אינם משיח ישוע:
2 חסד צו אייך און שלום פון ג־ט אונזער פאָטער,
און פון דעם האַר ישוע המשיח׃
3 געלויבט זאָל זיין דער ג־ט און פאָטער פון אונזער
האַר ישוע המשיח, וואָס האָט אונז געבענטשט מיט
יעדער רוחניותדיקער ברכה אין די הימלישע ערטער
4 אינם משיח; לויט ווי ער האָט אונז אויסדערוויילט
אין אים איידער נאָך די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן,
אַז מיר זאָלן זיין הייליק און אָן אַ פעלער פאַר אים
5 אין ליבע; פאָרויסבאַשטימענדיק אונז צו זיין קינדער
צו אים דורך ישוע המשיחן לויט דעם ווילגעפעלן
6 פון זיין רצון, צום לויב פון דעם כבוד פון זיין חסד,
מיט וועלכן ער האָט אונז באַגנעדיקט אין זיין
7 געליבטן זון; אין וועמען מיר האָבן די ישועה דורך
זיין בלוט, די פאַרגעבונג פון (אונזערע) זינד, לויט
8 דער עשירות פון זיין חסד, וואָס ער האָט פאַרמערט
לגבי אונז אין יעדער חכמה און פאַרנונפטיקייט,
9 באַקאַנט מאַכנדיק צו אונז דעם סוד פון זיין רצון,
לויט זיין ווילגעפעלן, וואָס ער האָט פון פריער
10 באַשלאָסן אין אים, כדי אין דער פאַרוואַלטונג פון
דער פולקייט פון די צייטן איינצוזאַמלען אינם
משיח אַלץ, וואָס איז אויף די הימלען און אויף דער
11 ערד; אין אים, אין וועמען אויך מיר זענען געוואָרן
יורשים, פאָרויס באַשטימט לויט דער כוונה פון
אים, וואָס ווירקט אַלץ לויט דער עצה פון זיין רצון;
12 כדי מיר זאָלן זיין צום לויב פון זיין כבוד, מיר,